Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

Mezaḥ, Yehoshuʻa

Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]

ט.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

רבי מאיר געענטפערט. — און די תורה ניט נוטע געדאנקען ווי צו ריידען און וואס צו טאהן דורך די תורה געפינט א מענש אנוטען כאמת אין אנויט, די תורה רעטעט איהם פון אלע אונגליקען. רבי מאיר האט געענדיגט ריידען, און איז גליקליך אוועק געריטען אויף זיין אייזעל.

# ט.

רבי מאיר פלעגט אלע פרייטאג צו נאכט דרשענען אין בית המדרש באלד נאך קבלת שבת, און אנגעלערענטע פרויא איז אלע מאל געקומען הערען זיינע קלוגע דרשות, עס האט אמאל גיטראפען דאס די דרשה האט געדויערט צלאנגע צייט, עס האט זיך פארצויגען שפעטליך אין דער נאכט. און די פרויא איז גיזעסען אין די ווייבערשע שול ביז ער האט געענדיגט זיין דרשה.

נאך דער דרשה איז זיא געגאנגען אהיים, זיא איז געקומען צו הויז האט זיא דארט געפונען די ליכט אויס ניברענט, אין שטוב איז גיוועזען פינסטער איהר מאן האט אויף איהר געשריען: וואו ביסט דוא אזוי שפעט גיוועזען? גיי אנדערש, דוא ביסט מיר אונטרייא גיווארען...

די פרויא האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. זיא האט געזאגט: גאט איז מיין עדות (צייגער) אז איך בין ריין פון זינד, איך האב מיין נפש ניט מטמא גיוועזען חלילה. איך בין דיר געטרייא מיט אין אמת.

— זאג מיר — האט איהר מאן געשריען — וואו, אין וועלכען ארט און ביי וועמען ביסט דוא אזוי שפעט גיוועזען, פון וואנען קומסט דוא יעצט אזוי שפעט אין דער נאכט.

— איך בין געוועזען אין בית המדרש — האט די פרויא זיך פארטיידיגט — איך האב געהערט די דרשה וואס רבי מאיר

האָט גֶעדַרְשְׁנְט , עֶר הָאט אַזוֹיא גוּט אוּנ קְלוּג גֶערֶעדְט אַז אִיךְ
האָבּ נִיט גֶעקָאנְט אַוֶועק גֵיין בִּיז צוּ עֶנְדֶע .
— אַזוֹי ? — הָאט דֶער מַאן גֶעשְׁרִיעֶן — רבי מאיר הָאט
דִיר אַזוֹי לַאנְג אַזוֹי שְׁפֶּעט אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ מִיט
זַיין דְרָשָׁה , גֵייא אוּנ שְׁפַּייא אִיהם אִין זַיין פָּנִים אַרַיין , דֶענְסְטְמָאל
אַז דוּא וֶועסְט אַזוֹי טָאהן , וֶועל אִיךְ דִיר מוֹחֵל זַיין פַאר וָואס
דוּא בִּיסְט גֶעקוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט . אָבֶער וֶוען דוּא וֶועסְט דָאס
נִיט טָאהן זָאלְסְט דוּא אִין מַיין שְׁטוּבּ נִיט אַרַיינְקוּמֶען . הֶערְסְט
דוּא פַאר פְלוּכְטֶע פְרוֹיא ? אִיךְ זָאג דִיר אָן שְׁטְרֵיינְג דָאס דוּא
זָאלְסְט זִיךְ אִין מַיין שְׁטוּבּ נִיט אַיינְגֶעפִינֶען , בִּיז דוּא וֶועסְט
עֶרְפִילֶען מַיין ווּאוּנְשׁ , אִיךְ בַּאפֶעל דִיר צוּ טָאהן , מוּסְט דוּא
דָאס טָאהן , אַנְדֶערְשׁ טָארְסְט דוּא זִיךְ פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען
נִיט וַוייזֶען .

ליידענדיג דִיא וֶוערְטֶער הָאט עֶר אִיהר אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען
פוּן שְׁטוּבּ מִיט גְרוֹיס רְצִיחָה , עֶר הָאט גֶעטָאהן אָהן אַשׁוּם
עֶרְבַּארֶעמוּנְג אוֹיף דִיא עֶלֶענְדֶע פְרוֹיא .
דְרַייא וָואכֶען צַייט הָאט דֶער שְׁלֶעכְטֶער מַאן זַיין אוּנְ-
שׁוּלְדִיגֶע פְרוֹיא אִין זַיין שְׁטוּבּ נִיט אַרַיין גֶעלָאזֶען , אוּנ עֶר
הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען בַּייא זַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט ;
אוֹיבּ זִיא וֶועט נִיט שְׁפַּייעֶן רבי מאיר'ן אִין זַיין פָּנִים אַרַיין .
טָאר זִיא צוּא אִיהם אִין שְׁטוּבּ נִיט קוּמֶען .

דִיא פְרוֹיא אִיז אָבֶּער גֶעוֶועזֶען אַגְרוֹיסֶע צְנוּעָה , אַנְאַמְטֶעס
פָאַרְכְטִיגֶע , זִיא הָאט נִיט גֶעוָואלְט טָאהן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע
זַאךְ . וַוייל רבי מאיר'ס כָּבוֹד אִיז בַּייא אִיהר זֵייעֶר טַייהֶער , זִיא
הָאט אִיהם גֶעשֶׁעצְט וִויא מֶען בַּארְף שֶׁעצְּעֶן אַזַא הֵיילִיגֶען
גֶעטְרַייבֶּען מַאן .

— וִויא אַזוֹיא קָאן אִיךְ גֵיין צוּא אַזַא הֵיילִיגֶען מַאן שְׁפַּייעֶן
אִים אִין פָּנִים ? — הָאט זִיא צוּ זִיךְ אַלַיין גֶעזָאגְט מִיט אַיין
בִּיטֶערֶע

(ר"מ בעל הנס)

ליידען די בעטריבטע הערץ — איך וועל נאך דויך פון זיך פארזינדיגען מיינע יאהרען .

זיא האט זיך אזוי לאנג געוואלגערט אין פרעמדע הייזער : ביז איהרע שכנים האבען זיך פון דער גאנצער מעשה דער וואוסט . האבען זייא צו איהר אזוי געזאגט : דוא נאלסט וויסען אז ריין מאן איז אגרויסער עקשן , ער וועט דיר אנדערש ניט מוחל זיין אונ אין זיין שטוב ניט ארייןלאזען ביז דוא וועסט טאהן זיין פערלאנג , אלזא מוסט דוא דאס טאהן , דוא מוזט גיין צו רבי מאיר'ן אונ איהם שפייען אין זיין געזיכט , דוא מוסט וויסען דאס רבי מאיר איז אגוטער פיינער מענש , אגרויסער צדיק אונ האלט זיך קליין , איין איבער גאטירליכער ענו , ער וועט אויף דיר רחמנות האבען אונ ער וועט אויף דיר קיין פאר איבעל נעהמען פאר דעם וואס דוא וועסט איהם שפייען אין געזיכט , קום מיט אונז צו איהם . ער וועט דיר געוויס רעטען פון דיין צרה :

דיא פרויא האט זיך געלאזט איינרעדען , זיא איז מיט זייא געגאנגען צו רבי מאיר'ן , דען וואס טהוט ניט אמענש פון נויט ? זיא מיט איהרע שכנים זיינען אלע צוזאמען געקומען צו רבי מאירן אין שטוב .

י׳

אין יענער צייט איז רבי מאיר געזעסען מיט זיינע תלמידים וויא גע. עהנליך אלע מאל אונ האט מיט זייא געלערנט תורה אונ חכמה .

וויא רבי מאיר האט דער זעהען די פרויען האט ער צו זייא געזאגט , איז ניטא ביא אייך אפרויענצימער וואס קאן אפ-